יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד
Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem
הײַנט 20 זײַטען
NAJER FOLKSBLAT
פרייז 30 גראשען

# נייער פאלקסבלאט

№ 246 | Łódź, Piątek, 27 października 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, ז׳ מרחשון תרצ״ד | № 246

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71

יודיש טעאטער „פילהארמאניע"
20 נארוטאוויטשא 20 — ארטיסטישע לייטונג: דוד זיידערמאן

גרעסטע אפערעטען-אטראקציע אין איצטיגען סעזאן!
20 נייעסטע מוזיקאלישע לידער 20
אונגעהויערע בעגייסטערונג! שטורמישער בייפאל!

היינט, פרייטאג, 9 אווענד מארגען, שבת, 4 נאכמיטאג און 9 אווענד

דאס גאנצע יודישע טעאטער-פובליקום צו די אויפטריטען פון די ליבלינגס-ארטיסטען

חנה לערנער און דוד זיידערמאן
מיט׳ן אנטייל פון דער באליבטער פרימאדאנע
נאדיא קארעני
און דעם ארטיסטישען אנסאמבל.


נאדיא קארעני


דוד זיידערמאן


חנה לערנער

ס׳ווערט געשפילט די גרעסטע מוזיקאלישע אפערעטע אין 3 אקטען (11 בילד)

# „דער ראדיא-זינגער"

(דער גאסען-זינגער)

אין „ראדיא-זינגער" זינגט דוד זיידערמאן צוו. צנד. פאלג. שלאגער-לידער: (1) לאך פאיאץ, (2 Good bye New-York, (3 שווארצע אויגען, (4) ווען די ליבע וואלט א בלום געווען, (5) מייז היימעלע א. א.
נאדיא קארעני זינגט צוזאמען מיט׳ן פובליקום 1) מאמע פערגעסן, 2) פערשידענע טאנגאס

סטאפ! מארגען, שבת, 9 אווענד
גרויסע דאפעלטע פארשטעלונג
1) ס׳ווערט געשפ. די גרעסטע שלאגער-אפערעטע „די ראדיא-זינגער"
2) נאך דער פארשטעלונג ווערט געגעבען א גראנדיעזער קאנצערט
ס׳נעמען אנטייל:
חנה לערנער אין איהר פערשידענארטיגען רעפערטואר: 1) „זי האט עס..." 2) „זיי מיר מוחל גאטעניו", 3) „אויסגעשפילט" א. א.
דוד זיידערמאן 1) א חתונה אין שטעטעל, 2) א יוד א למדן, 3) נאט׳אשא
נאדיא קארעני 1) דאס יודישע ליד. 2) פאפורי און אויפ׳ן פערלאנג פון ג. פובליקום
שמואליק גאלדשטיין איז זיין נאגצעו מאנקו-רענצלאוען רעפערטואר

ספעציעלער פערשטארקטער דזשאז-ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון דיריגענט לעאן זעלמאן
טעכנ. לייט.: ה. נוטמאן. סופלער: וו. נייהויז. אדמ. לייטונג: א. בעזמאן.
בילעטען צו בעקומען אין קאסע פון „פילהארמאניע"

# פיניעלע מזיק

## גוט לשון



כ'זאג ענק, יאַטען, אַז ס'גייט זיך שוין טאקיש אין אַ מיגל. אַז איך זאג ענק, אַז מ'בעדארף די קנאַלטוערס פערקיפּען, ווייס איך וואָס איך רעד. איך בין נישט געריהרט אָפּן אַזקעסטעל.

צ'ווייסט ניש וועמען איך מיין? איך מיין די ווילקע קנאַלטוערס, זיי האַלטען אין איין גרונטעווען קומיטעטען און טשאַקען די פּאָויעטזשע, זאָבן גאָה ווייניג בענקלען מיט שליפּעס, אָבן זיי זיך בעגרונטעווען: אַ היטלער־קומיטעט און מ'האַלט אין איין היטלערעווען, צ'הערט, וואָס איך, פיניעלע זאָג? אַז היטלער וואָלט אַ קוק־געטון אַף די העלדן וואָס קעמפן מיט איהם, וואָלט ער צעפּלאַצט געוואָרן פון גילאַכטער...

צ'אָך געזעהען, וואָס סאַרע רוכאָוויסקע זיי אָבן גימאַכט. אַ גאַנצע קאַשע אָבן זיי דאָה פערקאָכט. האַלטן זיך אין איין אַרומראַסן באַ די נעו, צ'אָך גיזעהען וואָס די טוט זיך אַפּ מיט דעם ביסל יושקע פאַר די פּליטים פון דאַטשלאַנד? גוויסן לעניכים שראַט: — קעי סוף און די קומיטעט־ניקעס זאָגן לוי מיט אַ ספּאָדניק. נעמט גוויסן לעניכעס און הייסט די פּליטים עסן וואַטער—אַ האַעז וואַטער.

און די מאַנסע מיט'ן פּיקלינג? וואָס זאָגט ער ניש צו די מאַנסע מיט'ן פּיקלינג? ערשט אָבן די קומיטעט־לאַט געשריגן: די פּיקלינגען וועגען דאָטשן! צ'זאָלט נישט עסן די דאָט שע פּיקלינגען!! ווער ס'עט עסן אַ שטיקעל מילעכער פון אַ פּיקלינג, דער וועט זאָן אַ גימיינער פּענטאַק. איך אַליין אָב אָכעט ליב אַ מילכיקן פּיקלינג, נו, זאָל איך שטאַרבן אַ טאָיטער צי איך אָב אַפּיליק גיוואָלט שמעקן צי אַ פּיקלינג. און וואָלט איך אייִ.עם פון מיינע יאַטן פון שמאָלן געסל גיפּאַקט זינדיגן מיט אַ פּיקלינג, וואָלט ער גיכאַפּט ליאַפּעס.

נו, וואָס טון די קומיטעט־לאַט? דרייען זיי זיך מיט איינמאָל איבער דעם דאַשעק, און זאָגן — מ'מעג שוין! איבערגאַכט איז דער טרייפענער פּיקלינג געוואָרן קושער. מיט איינמאָל איז דער דאַטשער פּיקלינג גיוואָרן — אַ ענגלענדער, און אַן ענגלענדער איז קושער.

נו, פרעג איך ענק, זאָגט ען אַליין, בין איך נישט קושער גיראַכט, וואָס איך שרא, אַז מ'דאַרף די אַלע ווילקער קנאַל־טוערס פערקיפען?

אַי, הערין ען, יאַטן, ווען איינער פון די ווילקער קנאַלטוערס זאָל זיך נאָר אַדוואַזשען צו ווייזן אין שמולן געסל — ווי אַ הערינג על איך עהם צו טרייבערן!

ב

———88|888———

# יורידישע פראגע

## צו אונזער יוריסט

פאַניע מעצענאַשע, כ'האָב איך געוואָלט פרעגן, צי אַיינפיהרען דעם אויסאַנד סקאַרבאָווי אין אַ טעו'ה, איז אַ פערברעך?

ענטפער פון יוריסט: ליבער לעזער — דאָס איז אַ קונץ.

# ווער קאָן דאָס וויסען?

## טראַמוואַי־בעגעגענישען

אין טראַמוואַי פאָהרט די 45־יעהריגע פרייליין מאַלווינאַ זאַקענבענדעל, אַ לעהרערין פון אַ פאָלקסשולע.

אין טראַמוואַי קומט אַריין אַ מאַן אין די מיטעלע יאָהרען און בעגריסט זיך העפליך מיט דער פאַננע זאַקענבענדעל.

די פאַננע זאַקענבענדעל האָט צוריק געגריסט ס'איז אָבער געווען קענטיג, אַז זי ווייסט נישט ווער דער גריסער איז.

— איהר דערקענט מיך נישט? האָט דער אונבעקאַנטער בעקאַנטער זי געפרעגט.

— אַהאַ, איהר זענט מסתמא דער פאָטער פון איינעם פון מיינע קינדער — האָט די פאַננע זאַקענבענדעל געזאָגט.

— ס'איז גאַנץ מעגליך, האָט דער מאַן געענטפערט.

# איפּ'ן פיש־מאַרק

## ווייבער פּלוידערען

— איך זאָג איהן, פרוי רייבלעקין, איך האָב גרויס נחת פון מיין טאָכטער, שטעלען זי זיך נאָר פאָר אַזאַ זאַך: פאַראַיאָהרען איז זי געווען אין זאַקאָפּאַנע, האָט זי זיך בעקענט מיט אַ יונגענמאַן אויף דער פערטער וואָך איז געווען אַ וואָרט, אויף דער זעקסטער וואָך האָט זי תנאים געשריבען, און אין 9־טען חודש האָט זי חתונה געהאַט.

# ווען אַ ווירט ווערט אַ לאָקאַטאָר

## אַ פערשוין וואָס ווייסט מיט וואָס עס שמעקט

ערשטער ווירט: איהר, פאַניע האַטשינדער, זוכט אין מיין הויז פאַר זיך אַ וואוינונג, איהר האָט דאָך אַן אייגען הויז, פאַרוואָס וואוינט איהר נישט אין אייער אייגען הויז?

צווייטער ווירט: איך וועל אייך ערקלערען: ערשטענס איז אין מיין הויז טייער דירה־געלד, און ס'צווייטע איז דער ווירט פון מיין הויז אַ גרויסער פאַסקודניאַק.

# די בעטריבטע אלמנה

## נאָכ'ן טויט זאָגט זי אויך פאַר'ן מאַן

אלמנה (צום מצבה־קריצער): פאַניע מייסטער, זעהט אַז דער אויפשריפט אויף דער מצבה זאָל זיין מיט גרויסע אותיות, ווייל מיין מאַן איז געווען קורצזיכטיג, און קליינע אותיות וועט ער ניט דערזעהן.

# דאגות פון א מוטער

## אז דער זוהן וויל זיין א זעלנער

יונגעלע (צו דער מוטער): מאַמעשי, איך וויל אויך זיין אַ זעלנער.

מוטער: אויב אַזוי, וועט מען מוזען אַנזאָגען די דינסט.

# ארימע שוויגערס, נעביך!

## דער פארזיכטיגער גאנאיידעם

פרוי: צו וואָס האָסטו אויסגעשניטען פון דער צייטונג דעם אַרטיקעל אַ מיטעל צו לעבען 100 יאָהר?

מאַן: ווייל איך וויל נישט, אַז דיין מאַמע זאָל דאָס לייענען.

# ער האט צייט

## צו קומען דעם דריטען חודש

שעף (צום ניי־אַנגאַזשירטען בוכהאַלטער): דעם ערשטען חודש וועט איהר בעקומען 150 זל. אַ חודש, דעם צווייטען חודש — 200 זל. און דעם דריטען חודש — 300 זל.

בוכהאַלטער: אויב אַזוי, וועל איך קומען דעם דריטען חודש.

# דער קונדס

הומאָר ● סאַטירע ●

צוזאַמענגעשטעלט פון אַב—נעק ●

ביילאַגע צום „נייעם פאָלקסבלאַט“ נומער 246 — פרייטאָג, דעם 27 אָקטאָבער 1933

# די רביצין־פראַגע אין לאָדז




יודענע: איך ראָט דעם ראַבינאַט צו מאַכען מיין מאַן, אַטאַ דעם „הדרת פנים“ פאַר אַ רב אין לאָדז. אַז מיין מאַן וועט זיין רב, וועט לאָדז האָבען די אמת'ע רביצין...

